בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון י"א

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בהר בחקותי תשפ"ג

## שִׁעוּרִים אִין חִנּוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ דֶעם צְוֵייטְן אוּן לֶעצְטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה

עֶס דַארְף זַיין 'דֶּרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֵיינְט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז אַז בְּשַׁעַת מֶען לֶערְנְט עֶסְט מֶען נִישְׁט.

מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן צוּ לַאנְגֶע שִׁיעוּרִים, מֶען קֶען נִישְׁט הַאלְטְן קִינְדֶער צוּ לַאנְג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ. אִיבֶּערְהוֹיפְּט דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן דְרֵיי יָאר, קֶען מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אֲפִילוּ פַאר צְוָואנְצִיג מִינוּט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, מֶען דַאוֶוענְט אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, אָדֶער זִינְגְט מֶען מִיט זֵיי אַבִּיסְל נִיגוּנִים פוּנֶעם יוֹם טוֹב וָואס קוּמְט, אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס מֶען הָאט נָאךְ בִּיזְ'ן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח דַארְף מֶען אוֹיסְנִיצְן נָאכְאַמָאל זִינְגֶען מִיט זֵיי: "**קַדֵּשׁ**", "**טַאטֶע לֶעבְּן**", "**אַ מְחַיֶּה פֶּסַח**", "**אַ מְחַיֶּה מַצָּה**", "**אַ מְחַיֶּה אִידִישְׁקֵייט**", "**אַ מְחַיֶּה צְנִיעוּת**", "**אַ מְחַיֶּה צוּ זַיין אַ אִיד**", נָאךְ פוּפְצְן מִינוּט דַארְף מֶען זֵיי שׁוֹין לָאזְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ אוּן אַרוּמְגֵיין.

אוֹיךְ דַארְף מֶען ווִיסְן ווִיפִיל מָאל אַ טָאג מֶען קֶען זֵיי אַוֶועק זֶעצְן פַאר פוּפְצְן מִינוּט.

אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט הַאלְטְן צוּ לַאנְג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אָן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן אָן זִיךְ רִירְן, מֶען גֶעבְּט אַ שִׁיעוּר פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אַ דְרֵיי פֶערְטְל שָׁעָה, מֶערְסְטְנְס אַ שָׁעָה, דֶערְנָאךְ קֶענֶען זֵיי אַרוֹיס גֵיין כַאפְּן אַ טְרִינְק אוּן גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, צוּמָאל קֶען מֶען אוֹיךְ מַאכְן אַ קְלֵיינֶע רִיסֶעס.

### עֶס מוּז זַיין הַארְץ

אָבֶּער אוֹיבּ הָאט דָאס קִינְד יָא גֶעגֶעסְן אִינְמִיטְן שִׁיעוּר, ווִיל אִיךְ נִישְׁט אַז דִי סְקוּל זָאל וֶוערְן גֶעפִירְט ווִי אַ מַאשִׁין, סִיסְטֶעמַאטִישׁ, אָן קַיין הַארְץ אוּן גֶעפִיל, עֶס מוּז זַיין הַארְץ, דִי לֶערֶערִין דַארְף ווִיסְן יֶעדֶעס קִינְדְ'ס תְּכוּנַת הַנֶּפֶשׁ אוּן נַאטוּרְן, בַּיי וֶועם מֶען דַארְף יָא זֶען אוּן בַּיי וֶועם מֶען דַארְף זִיךְ צוּמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט זֶען, פַאר וֶועם מֶען קֶען זָאגְן שְׁטְרֶענְג אוּן פַאר וֶועם מֶען דַארְף עֶס זָאגְן מֶער רוּאִיג. בָּרוּךְ ה' דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט שׁוֹין פוּפְצְן יָאר, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס מֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, אוּן עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס צוּ אֵיינֶעם אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן צוּ אֵיינֶעם נִישְׁט, דָאס אַרְבֶּעט דוּרְךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה', אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג פַאר יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער, צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן.

### צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר

וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן 'מוּסָר' אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען עֶס זָאגְן. בָּרוּךְ ה' יֶעצְט גֵייעֶן אַלֶע תַּלְמִידוֹת אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן וואוֹיל, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען צַייטְן וָואס עֶס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף; אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זָאגְן, אָדֶער זָאגְט מֶען: "**דוּ בִּיסְט אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע מֵיידְל!**" אָבֶּער בֶּעסֶער אִיז אַז מֶען זָאגְט: "**דוּ בִּיסְט זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין**", "**דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג**", אַזוֹי וֶועט זִי שׁוֹין אַלֵיינְס וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין זֶען בַּיי יֶעדֶע קִינְד בַּאזוּנְדֶער 'וֶוען' צוּ זָאגְן אוּן 'ווִיפִיל' צוּ זָאגְן. דִי לוּפְט אִין כִּתָּה דַארְף זַיין אַז 'אַלֶע' קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, צְנִיעוּת'דִיג, אֵיידְל, בַּא'טַעמְ'ט אוּן עֶרְלִיךְ.

### אִין אָפִיס וֶועט נִישְׁט זַיין גְרִינְגֶער

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט אִירֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "**יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִיפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן ווִיפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז אַייךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן כֹּחַ, מֵיינְט נִישְׁט אַז אָן קִינְדֶער וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער, פְרֵיידְט זִיךְ אַז אַייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן כֹּחַ גֵייט אַרַיין אִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער**".

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ מְחַנֶּכֶת; עֶס קֶען זִיךְ אַמָאל דַאכְטְן, 'אַז אִיךְ וֶועל אַרְבֶּעטְן אִין אַ אָפִיס, נֶעבְּן אַ פִישׁ טַאנְק, מִיט אַ פֵייגְל נֶעסְט, וואוּ עֶס שְׁפִּילְט מוּזִיק, אוּן עֶס רִינְט דָארְט וַואסֶער - וֶועט מִיר זַיין גְרִינְגֶער'; עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת, וַוייל אוֹיבּ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין כֹּחַ וֶועט אִין אָפִיס נִישְׁט זַיין גְרִינְגֶער.

### דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט פְרִישֶׁע כֹּחַ

אַז מֶען ווִיל הָאבְּן כֹּחַ קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי ווִי וֶוען אַ בֶּעטֶערִי גֵייט אוֹיס, שְׁטֶעקְט מֶען דָאס אַיין אוּן עֶס פִילְט זִיךְ צוּרִיק אָן, דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּנֶעם טָאג הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶענִיצְט, אִיז דָא אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק אָנְפִילְן מִיט כֹּחַ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט נֵייעֶ בֶּעטֶערִי, פְרִישֶׁע כֹּחַ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

### אַ צְוֵייטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער

גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבְּן לֶערֶערִינְס מֶער לִיבּ דִי תַּלְמִידוֹת וָואס הֶערְן אוֹיס, זֵיי ווִילְן הֶערְן נָאךְ אַ שְׁמוּעֶס אוּן נָאךְ שְׁמוּעֶס, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִי שְׁמוּעֶסְן - זֵיי הָאט מֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, דַארְף מֶען ווִיסְן, אַ לֶערֶערִין אִיז אַ צְוֵייטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער; אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער, וָואס טוּט דִי מַאמֶע לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם וֶוען אֵיין קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, עֶר אִיז שְׁוַואךְ אוּן פְּרָאבְּלֶאמַאטִישׁ? מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דִי מַאמֶע לָאזְט אָפּ אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, זִי צֶעטֵיילְט זֵיי צְווִישְׁן אִירֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אוּן פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם קִינְד, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף זִיךְ דִי לֶערֶערִין בְּעִיקָר פַארְלֵייגְן צוּ כַאפְּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער, אוּן עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גָארְנִישְׁט, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אַ גוּט וָוארְט, זֵיי וַוייזְן דָאס מֶערְסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

## הַמשך שִׁעוּרִים אִין חִנוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידוֹת. אַז מֶען טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט פַאר'ן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן, אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

### וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר מִיר?

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס זֶענֶען דָא לֶערֶערִינְס וָואס טְרַאכְטְן: **'אִיךְ גֶעב זִיךְ אַזוֹיפִיל אַוֶועק פַאר תַּלְמִידוֹת, וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר מַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן?'** זָאלְט אִיר וִויסְן, מֶען קֶען אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּמְגֵיין אִין גֶעשֶׁעפְטְן אוּן צוּם סוֹף הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן... וִוידֶער אַז מֶען טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - קוּמְט אַריין דִי בְּרָכָה, מֶען גֵייט אַרַיין אִין אֵיין גֶעשֶׁעפְט אוּן מֶען טְרֶעפְט דָאס וָואס יֶענֶער הָאט גֶעדַארְפְט זוּכְן אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס זֶעט אוֹיס מַמָּשׁ וִוי מֶען הָאט דָאס אָנְגֶעגְרֵייט פַאר מִיר.

מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ וואוּנְדֶערְן: **"וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶעטְרָאפְן? אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי יֶענֶעם גֶעשֶׁעפְט, וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע זַאכְן?"** דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, אַז מֶען טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט פַאר'ן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב אוּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

## חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּב

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### פַארְלִיר נִישְׁט דֶעם קִינְד

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַ מַעֲשֶׂה פוּן חִינוּךְ; דֶער גוֹי וָואס הָאט עֶרְפִינְדְן דִי זַאךְ פוּן לֶעקְטֶערְס, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיז עֶר אֵיין טָאג אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן סְקוּל מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע עֶנְוֶועלָאוּפּ, עֶר זָאגְט פַאר זַיין מַאמֶע אַז דֶער טִיטְשֶׁער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם בְּרִיוו פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן, דִי מַאמֶע עֶפְנְט דֶעם עֶנְוֶועלָאוּפּ, זִי לֵיינְט עֶס אוּן הֵייבְּט אָן וֵויינֶען, פְרֶעגְט דֶער קִינְד זַיין מַאמֶע: **"מַאמִי, וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו? פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?"** זָאגְט זִי אִים: **"אִיךְ וֵויין פַאר שִׂמְחָה! אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דַיין סְקוּל, וואוּ מֶען לוֹיבְּט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיס, זֵיי זָאגְן אַז דוּ בִּיזְט זֵייעֶר אַ קְלוּג קִינְד, דוּ בִּיזְט קְלוּגֶער פוּן אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים, דוּ בִּיזְט קְלוּגֶער פוּן דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס, דִי סְקוּל הַאלְט אַז פַאר דַיין טוֹבָה זָאל אִיךְ דִיר דִינְגֶען אַ פְּרִיוַואטֶע טִיטְשֶׁער וָואס זָאל לֶערְנֶען מִיט דִיר, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ זַיין"**, וְכַךְ הֲוָה, זִי הָאט אִים גֶעדִינְגֶען אַ פְּרִיוַואטֶער לֶערְנֶער, אוּן עֶר אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן צוּ זַיין זֵייעֶר קְלוּג, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר עֶרְפִינְדְן דִי זַאךְ פוּן לֶעקְטֶערְס, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט הֲנָאָה פוּן אִים.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיין מַאמֶע אִיז שׁוֹין אַוֶועק, הָאט עֶר דוּרְךְ גֶעקוּקְט דֶעם הוֹיז וואוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, עֶר הָאט גֶעקוּקְט זֵייעֶר אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע חֲפֵצִים, אִינְמִיטְן הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט דֶעם בְּרִיוו וָואס דִי סְקוּל הָאט אַהֵיים גֶעשִׁיקְט מִיט אִים, הָאט עֶר עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען וָואס עֶר זֶעט דָארְט שְׁטֵיין, עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי: **"דַיין קִינְד אִיז אַ מְשׁוּגֶענֶער, דַיין קִינְד אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאל קִינְד, עֶר קֶען נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל!"** הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז וֶוען דִי מַאמֶע הָאט גֶעוֵויינְט לֵיינֶענְדִיג דֶעם בְּרִיוו הָאט זִי גֶעוֵויינְט פוּן טְרוֹיעֶר, זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז דִי סְקוּל וַוארְפְט אַרוֹיס אִיר קִינְד, אַ מַאמֶע הָאט דָאךְ לִיבּ אִיר קִינְד, אַ מַאמֶע הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר קִינְד, נָאר דִי מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, זִי הָאט גֶעהַאט דִי חָכְמָה אִים נִישְׁט אִינְגַאנְצְן צוּ פַארְלִירְן, זִי הָאט גֶעטְרַאכְט: **'אַז דִי סְקוּל הָאט אִים אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אִים דָאס זָאגְן? אִיךְ וֶועל אִים עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן אַז דִי סְקוּל הַאלְט פוּן דִיר מוֹרָא'דִיג, דוּ בִּיזְט מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן'**, אוּן דָאס הָאט אִים אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט.

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה, בִּין אִיךְ מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, מֶען זֶעט וָואס הֵייסְט אַ קְלוּגֶע מַאמֶע, זִי בּוֹיט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער.

### מֶען טָאר נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ קִינְד

חִינוּךְ אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, עֶלְטֶערְן דַארְפְן זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, אוּן מֶען דַארְף קַנְסְ'עֶנֶען קִינְדֶער, בִּפְרַט קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דָאס טוּט מֶען נִישְׁט אוּן דָאס טוּט מֶען יָא. אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז מְחַנֵךְ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם קִינְד; זָאל דָאס קִינְד טוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, זָאל אַ קִינְד טוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אִים יֶעצְט וִויכְטִיג מְחַנֵךְ זַיין, מֶען דַארְף אִים וִויכְטִיג אוֹיסְלֶערְנֶען עֶר זָאל עֶס גֶעדֶענְקֶען אוֹיף אֵייבִּיג, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ קִינְד, מֶען טָאר נִישְׁט וֵוי טוּן אַ קִינְד, מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּזִיגְלֶען אַ קִינְד מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען.

### כָאטְשִׁיג 'פֶערְצִיג טוֹיזְנְט מָאל'...

אִיךְ דַארְף פוּן דֶעם אַסַאךְ רֶעדְן וַוייל מִיר אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁלָאגְן דֶערִין. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: אַ קִינְד הֶערְט בְּמֶשֶׁךְ זַיינֶע קִינְדֶער יָארְן כָאטְשִׁיג 'פֶערְצִיג טוֹיזְנְט מָאל' דִי וֶוערְטֶער: **"דוּ טוֹיגְסְט נִישְׁט", "דוּ בִּיזְט נִישְׁט", "פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין", "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "דוּ גִיסְט אוֹיס, זֶעסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט?" "דוּ בִּיזְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְגֶעסְט", "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דוּ פַארְגֶעסְט", "דוּ בִּיזְט אַ שְׁלָאךְ", "דוּ בִּיזְט אַ פוֹילֶער"**; דִי אַלֶע וֶוערְטֶער טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד.

### גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער

טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן! לָאמִיר זִיךְ יֶעצְט מְחַזֵק זַיין, לָאמִיר זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער. וַוייל מִיר ווילְן דָאךְ נָאר אֵיין זַאךְ, מִיר ווילְן הָאבְּן 'גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער', דִי פָאר יָאר גֵייט דוּרְךְ, אוּן דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף, זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה, וָואס אִיז דֶער עִיקָר וָואס מֶען ווִיל? מֶען ווִיל הָאבְּן 'גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער'.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ חָשׁוּבִ'עֶ מֵיידְל סְקוּל, אַ "בֵּית פֵיגָא", וואוּ דִי מְנַהֶלֶת אוּן אַלֶע לֶערֶערִינְס וֵוייסְן אוּן חַזֶרְ'ן, אוּן דָאס אִיז אַן עִיקָר אִין סְקוּל אַז מֶען קֶען נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ קִינְד, אַ לֶערֶערִין וָואס צֶעבְּרֶעכְט אַ קִינְד וֶוערְט אָפְּגֶעזָאגְט.

מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן זָאגְן: **"דוּ בִּיזְט אַ נִישְׁט", "דוּ בִּיזְט אַ שְׁלָאךְ", "דוּ בִּיזְט אַ פַארְגֶעסֶער", "אֵייבִּיג פַארְגֶעסְטוּ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע צֶעטְלֶעךְ", "אֵייבִּיג פַארְגֶעסְטֶע דַיינֶע זַאכְן; וֶוען דוּ הַאלְסְט דַיין בּוּךְ אִינְדֶערְהֵיים בְּלַייבְּט עֶס אִינְדֶערְהֵיים, אוּן וֶוען דוּ הַאלְסְט דַיין בּוּךְ אִין סְקוּל בְּלַייבְּט עֶס אִין סְקוּל"**, אוּן זִיכֶער קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד אוּן זָאגְן: **"דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען"**, - וַוייל וָואס הָאט אַ מֵיידְל פוּן אַלֶע אִירֶע יָארְן וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט אִין סְקוּל? נָאר דִי גוּטֶע מִדוֹת אוּן דִי וִויכְטִיגֶע הַלָכוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס, דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי — טָאר מֶען נִישְׁט דָאס אוֹיסְנִיצְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער.

### אַ פַארְהֶער פוּן בְּרֵאשִׁית בִּיז וַיְחִי

אִיךְ וואוֹין אִין אַ בִּנְיָן מִיט אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, אֵיין טָאג וֶוען מַיין טָאכְטֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט אֵיינֶע פוּן דִי שְׁכֵנִים, קוּמְט זִי מִיר זָאגְן: **"טַאטִי, נָאךְ אַ מַזָל אִיךְ לֶערְן אִין בְּרֶסְלֶב, יֶענֶע שְׁכֵנָה הָאט הַיינְט אַ רִיזִיגֶע פַארְהֶער פוּן אָנְהֵייבּ בְּרֵאשִׁית בִּיז נָאךְ וַיְחִי!"** אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, אֲפִילוּ מִיט אִינְגְלֶעךְ טוּט מֶען עֶס נִישְׁט, מִיט מֵיידְלֶעךְ זָאל מֶען דָאס טוּן?! צְוַוייטְנְס, אַ מֵיידְל טָאר דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֶענֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה זָאגְט אַז אַ פְרוֹי טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דֶעם קַיין שׁוּם מַחֲלֹקֶת.

אַוַודַאי לֶערְנְט מֶען אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל הַלָכוֹת, וִוי הִלְכוֹת שַׁבָּת - דָאס לֶערְנְט מֶען זֵייעֶר פֵיין, אוּן אַנְדֶערֶע הַלָכוֹת, וָואס זֵיי דַארְפְן וִויסְן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער מַאכְן אַ פַארְהֶער פוּן אָנְהֵייבּ בְּרֵאשִׁית

פארזעצונג אין עמוד ג' <<<

# חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְדִים נָאכְ'ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.**

### דִי פַּרְשָׁה פוּנֶעם 'אוֹתוֹ הָאִישׁ'

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז: וּבְהוֹסָפַת הַגִּירְסָא בְּמְסוֹרַת הַשַּׁ"ס): **"לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דוֹחֶה, וְיָמִין מְקָרֶבֶת"**; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אָדֶער תַּלְמִידִים, דַארְף מֶען טַאקֶע זָאגְן מוּסָר, אָבֶער מֶען דַארְף גֶעבְן מֶער חִיזוּק אוּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אַוֶועקְשְׁטוּפְּן, וַוייל דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּנֶעם 'אוֹתוֹ הָאִישׁ' אִיז נָאר גֶעוָוארְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס אַ רֶבִּי הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטִיפְּט זַיין תַּלְמִיד מִיט בֵּיידֶע הֶענְט.

עֶס אִיז הַיינְט דָא אִיבֶּער אַ 'בִּילְיָאן' קְרִיסְטְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת פוּן זֵיי, צֶענְדְלִיגֶער שְׁחִיטוֹת אוּן הֲרִיגוֹת הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעמַאכְט מִיט אוּנְז, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה?

דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא; וֶוען יְהוֹשֻׁעַ בֶּן פְּרַחְיָה הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים קַיין יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען זֵיי אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ גַאסְט הוֹיז, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים: **"קוּקְט, עֶס אִיז אַזָא ווָאוֹילֶע אַכְסַנְיָא, אַזָא שֵׁיינֶע אַכְסַנְיָא, אַזָא גֶעשְׁמַאקֶע אַכְסַנְיָא"**, אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד – דֶער אוֹתוֹ הָאִישׁ – וָואס הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר מֵיינְט אוֹיסְצוּרִימֶען דִי פְּרוֹי פוּנֶעם בַּעַל אַכְסַנְיָא, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען לוֹיפְן קוּקְן וֶוער דִי פְּרוֹי אִיז, אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר זַיין רֶבִּי: "אִירֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: **"וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ קוּקְסְט אוֹיף אַ פְּרוֹי?! אִיךְ רֶעד פוּנֶעם גַאסְט הוֹיז, נִישְׁט פוּן דִי פְּרוֹי!"** עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה אוּן גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם, אִיז עֶר זִיךְ גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"נֶעם מִיךְ צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה!" "נֶעם מִיךְ צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה!"** אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט ווָאוּסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים.

בִּיז אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי יָא אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל אִים שׁוֹין צוּרִיק נֶעמֶען, אִיז דֶער תַּלְמִיד אָנְגֶעקוּמֶען פּוּנְקְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס דֶעמָאלְט טָאר מֶען גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דֶער תַּלְמִיד הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז יֶעצְט אִיז דִי לֶעצְטֶע מָאל וָואס עֶר פְּרוּבִּירְט מֶען זָאל אִים צוּרִיק נֶעמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן מִיטְ'ן פִינְגֶער עֶר זָאל וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן קְרִיאַת שְׁמַע, אָבֶער דֶער תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל אִים נָאכְאַלְץ נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען, אִיז עֶר גְלַייךְ אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה.

### דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט זִיךְ בֶּעטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מֶען זָאל אִים צוּרִיק נֶעמֶען, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט, דַארְף מֶען אִים צוּרִיק נֶעמֶען; מֶען הָאט אִים שׁוֹין אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן, עֶר הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען זַיין עוֹנֶשׁ, יֶעצְט דַארְף מֶען אִים שׁוֹין צוּרִיק נֶעמֶען.

### וֶועם דַארְף מֶען אַוֶועק שִׁיקְן פוּן יְשִׁיבָה?

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וַוייל עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס מֶען דַארְף יָא אִינְגַאנְצְן פַארְשִׁיקְן אַ בָּחוּר. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"אוֹיף אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אוֹיף דֶעם מוּזְטוּ אַוֶועק שִׁיקְן פוּן יְשִׁיבָה, אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא, עֶר נֶעמְט אַ צְוֵוייטֶע בָּחוּר אוּן שֶׁעדִיגְט אִים, אַזָא בָּחוּר קֶענְסְטוּ נִישְׁט הַאלְטְן אִין יְשִׁיבָה"**.

אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעמוּזְט אַפָּאר מָאל טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט זָאגְן פַאר אַ בָּחוּר: **"דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעזוּנְט קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה!"** וַוייל אַז עֶר מַאכְט קַאלְיֶע אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, בְּלַייבּ אִיךְ בַּאלְד אָן אַ יְשִׁיבָה; נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף אַ יְשִׁיבָה, נָאר בַּאלְד נֶעמְט עֶר זֵיי אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שִׁיק אִיךְ אַוֶועק בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, וֶוען מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט, אָדֶער עֶר אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ וַוארְף אִים אַרוֹיס, נָאר אִיךְ זָאג אִים: **"דוּ מוּזְט אַהֵיים גֵיין וַוייל דוּ קוּמְסְט שְׁפֶּעט!"** דָאס מֵיינְט 'וֶועק זִיךְ אוֹיף, שְׁטֵיי אוֹיף צַייטְלִיךְ', אָדֶער: **"בִּיסְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין דָא אִין יְשִׁיבָה!"** אַז עֶר וֶועט גֵיין נָאךְ גֶעלְט קֶען עֶר צוּרִיק קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

# הַמְשֵׁךְ חִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּב

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

>>> פארזעצונג פון עמוד ב'

בִּיז נָאךְ וַיְחִי?! אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס זֶענֶען דִי תַּלְמִידוֹת שׁוּלְדִיג? וָואס וִויל מֶען פוּן זֵיי? וָואס גֵייט דָאס זֵיי הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן? אֵיינְמָאל זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה וָואס דַארְף זֵי יֶעצְט וִויסְן דִי אַלֶע פְּסוּקִים? וָואס דַארְף זֵי יֶעצְט וִויסְן דִי אַלֶע מֶדְרָשִׁים?! אַוַודַאי דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִידוֹת, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז מֶען דַארְף מְוַותֵּר זַיין אִין לֶעבְּן, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, אָבֶער סְתַּם נֶעמֶען קִינְדֶער אוּן זֵיי אָפְּזִיגְלֶען: **"דוּ בִּיזְט אַ שְׁוַואכֶע אִין לֶערְנֶען"**, **"דוּ בִּיזְט אַ שְׁוַואכֶע אִין דָאס"**, אוּן **"דוּ בִּיזְט אַ שְׁוַואכֶע אִין יֶענְץ"**, וָואס דַארְף מֶען דִי אַלֶע זַאכְן?!

דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְקוּל וָואס אִיז גֶעבּוֹיט נָאר אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי מֵיידְלֶעךְ, אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאל מֶען זַיין ווָאוֹילֶע פְרוֹיעֶן, עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, מֶען זָאל מְוַותֵּר זַיין.

### זַייט דִי קְלוּגֶע מַאמֶע

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן! סֵיי דִי מַאמֶעס וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער דָא אִין סְקוּל אוּן סֵיי דִי וָואס שִׁיקְן נִישְׁט דָא, צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זִיגְלְט נִישְׁט אָפּ אַייעֶר קִינְד מִיט שְׁלֶעכְטְס! אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן סְקוּל אַז אַייעֶר מֵיידְל אִיז נִישְׁט גוּט, דַארְפְט אִיר דָאס נִישְׁט פָארְלֵיינֶען פַארְ'ן קִינְד, זַייט דִי קְלוּגֶע מַאמֶע, לֵיינְט פָאר דֶעם בְּרִיוו כְּאִילוּ עֶס שְׁטֵייט דָארְט אַז דַיין טִיטְשֶׁער הַאלְט מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק פוּן דִיר; מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען מֶען מוֹרָא'דִיג מַאכְן שָׁלוֹם אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס, חוֹדֶשׁ שְׁבָט שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן)

## קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- זָאל מֶען נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער?
- מֶעג מֶען גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

# בְּרִיוְון פוּן הַחִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַרַיין אַ חֵשֶׁק אִין בָּחוּרִים אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ דוּרְךְ אַייעֶרע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים מִיט וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

מִיר הָאבְּן צְוֵויי בָּחוּרִים אִינְדֶערְהֵיים אוּן מִיר דַארְפְן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט זֵיי, וִוי אַזוֹי זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין, וִוי אַזוֹי אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

בִּפְרַט וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן הָאבְּן חֵשֶׁק אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן בֶּעט יֶעדְן צוּפְרִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ – חֲנוּכָּה, ד' דַחֲנוּכָּה, כ"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי גַאס אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶר הֵיים, דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן פַארְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב צוּ מְחַנֵּךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט וִוי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אוּן זָאגְן 'תִּיקּוּן חֲצוֹת'"; אַז מֶען וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי, רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵּךְ זַיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכַדוֹמֶה. וַוייל אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִים אִיז גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; אַוַדַאי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ חִיזוּק, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרָע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִידִישְׁקֵייט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר פְרֶעגְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי; דָאס אִיז אַ פְרַאגֶע מִיט וָואס אַלֶע עֶלְטֶערְן מוּטְשֶׁען זִיךְ, אַלֶע זוּכְן עֵיצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיפְשְׁטֵיין. מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מִיט גוּטְן פּוֹעֵל'ט מֶען בֶּעסֶער וִוי מִיט שְׁלֶעכְטְן"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט יָא גֶע'פּוֹעֵל'ט מִיט שְׁלֶעכְטְן, זָאל מֶען וִויסְן אַז מֶען וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט פּוֹעֵל'ן אַסַאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער מִיט גוּטְן"; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִיז מִיר אוֹיךְ שְׁוֶוער גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַארְטָאגְס וְכוּ', פְלֶעגְט מַיין מַאמֶע – זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק – זִיצְן בַּיי מַיין בֶּעט פַארְטָאגְס אוּן מִיר וֶועקְן, זִי הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין, זִי פְלֶעגְט רֶעדְן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִינְגֶען נִיגוּנִים אִיךְ זָאל גֵיין לֶערְנֶען, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אוֹיפְשְׁטֵיין. וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט שֵׁיינֶעם צוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זִיכֶער פָאלְגְן.

מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמָארָאשׁ וואו עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי מַארְמָארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי, אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז:): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה, וְיָמִין מְקָרֶבֶת"; וֶוען עֶס קוּמְט מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אָדֶער תַּלְמִידִים, דַארְף מֶען טַאקֶע זָאגְן מוּסָר, אָבֶער מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאל מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין, דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף גֶעבְּן מֶער חִיזוּק אוּן מֶער לִיבְשַׁאפְט, וִוי אָוֶועקְשְׁטוּפְּן.

דֶער אֱמֶת אִיז, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער צַייט פוּן חִינוּךְ, דֶעמָאלְט אִיז דֶער צַייט פוּן "שְׂמֹאל דּוֹחֶה", זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּארְן וְכוּ'. וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ שׁוֹין מִיט קִינְדֶער פוּן פֶערְצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן, מֶען דַארְף מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז דֶער צַייט פוּן "יְמִין מְקָרֶבֶת".

לֵיידֶער זֶעט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וואו מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, שְׁפֶּעטֶער וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף – וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, אָבֶער דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין אַכְט גֶעבְּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן.

נָאךְ אַלֶע עֵיצוֹת דַארְף מֶען גוּט וִויסְן אַז דֶער עִיקָּר עֵצָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אִיז "תְּפִילָּה"; מוֹהֲרָ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

(עצתו אמונה חלק ב', מכתב קמה)

## מֶעג מֶען לָאזְן קִינְדֶער גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג לָאזְן קִינְדֶער גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אָדֶער סַיי וֶוען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לָאזְן קִינְדֶער אַלֵיינְס גֵיין אִין מִקְוֶה; קִינְדֶער קֶענֶען בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט גֵיין אַלֵיינְס אִין מִקְוֶה.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן צוּ כַאפְּן קָרְבָּנוֹת וְכוּ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין זֵייעֶרע הֶענְט, מֶען קֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ פַאר'ן לֶעבְּן.

קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה נָאר מִיט זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אִין אַ צַייט וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז לֵיידִיג. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעפּוּלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ אָן קִינְדֶער, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען גֵייט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ב', מכתב קנג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876